# יאָרן

אַ נײַ-יאָר לידל

## א

אין גרינעם, גרויען טונקל-אומעט
פֿון די לעצטעביימער-שורות,
ביים עק וועלט דאָרט - בייגט דער הימל
זיך פֿאַרזיכטיק אַראָפּ צו דר׳ערד
און הערט זיך צו צום שטילן גאַנג
פֿון די יאָרן, וועלכע שווימען
ווי אַ טרער אַרויס און פֿאַלן
אַראָפּ דאָרט ערגעץ ווי אַ טרער.

## ב

נאַכט ביי נאַכט זינגען
שוואַרצאויגיקע וועלטן
שוואַרטשאַרציקע לידער,
און עס פֿאַלן פֿאַר מורא
די שטערן אַראָפּ:
״ווער איז דער טאַטע?
ווער איז די מאַמע?
עס ווערן די יאָרן
געבוירן אויף הפֿקר.
ווייט הינטער וועלדער
אויף אַ ווילד פֿרעמדן-אינדזל
ליגן די יאָרן
אויף הפֿקר געוואָרפֿן,
בלינדע און קרענקלעך
און שוואַרץ די וועלדער
און שטום ווי דער אינדזל —
און קענען ניט וויינען
און קענען ניט וויינען...
און עס הענגט איבער זיי
אַ קללה פֿאַרשטאַרט״.
נאַכט ביי נאַכט זינגען
שוואַרצאויגיקע וועלטן
שוואַרטשאַרציקע לידער,
און עס פֿאַלן פֿאַר מורא
די שטערן אַראָפּ.

## ג

דיננן! - דיננן! - דיננן! —
לויפֿן די שעהען
פֿון שטאָטישן טורעם
אַראָפּ אין דער וועלט
און דערציילן פֿאָרויס:
אַ יאָר ווערט געבוירן! —
קלינגען די שעהען

אַראָפּ אויף די שטיינער
ווי קופּער-מטבעות
אין דער פּושקע פֿון "צדקה
תּציל ממות..."
דיננן ! - דיננן ! - דיננן ! —
אַ הונט קומט צו גיין
און בלייבט שטיין אין מאַרק
מיט צוויי נאַסע אויגן
און געדענקט ניט דעם וועג
אין דאָרפֿצום בעל-בית - -
דאָס יונגע יאָר בלאָנדזשעט
פֿון שטאָטישן טורעם
אַריין אין דער נאַכט
און פֿאַלט אויף די שטיינער
פֿאַרמאַטערט אַנידער
און ווערט דאָרט צעבראָכן
דיננן ! - דיננן ! - דיננן ! —
אויפֿן שוואַרץ-בלויען לייטער
פֿון דער שוואַרץ-בלויער נאַכט
טרוימט שווער אַרויף
מיין האַרץ צו דעם טורעם,
ווו אומרויִק וואַרפֿט זיך
דער גלאָק פֿון דער צייט
אין נאַכט-בלינדן זייגער...

און עס פֿאַלן די שעהען
ווי בלעטער אין תּשרי
אַראָפּ אויפֿן ברוק,
אַזש ס'קרעכצן די שטיינער
און דערציילן די גאַסן :
"איטלעך יאָר וואַנדלט
פֿון שטערן צו שטערן
און געפֿינט ניט קיין תּקומה
און אַנטלויפֿט מיט זיין אומגליק
פֿון גאָט און די הימלען
און פֿאַלט ווי אַ זינדיקער
מלאך אַראָפּ
און זוכט זיך אין אונדזער
קאַלטער מלוכה
זיין אייביקע רו..."

---

„דער מאָמענט", אָקט. 1919,15